LIVING TORAH

# פרשת אחרי-קדושים

**בס"ד. התוועדות וא"ו תשרי ה'תשמ"ג.** **הנחה פרטית בלתי מוגה**

## איברים רבים בגוף אחד

אין וואס פאר א מעמד ומצב מ'זאל נאר זיין, סיי אין זמן און סיי אין מקום און אפילו אין עבודת ה' – איז מען דאך "אב אחד לכולנה", מ'איז אלע א "חלק אלוקה ממעל ממש",

איז דאך דאס גובר, אט די אלע חילוקים וואס זיינען דא בין אחד להשני, וואס ע"פ טבע האט דער אויבערשטער געוואלט אז עס זאל זיין חילוקים, "אין דיעותיהן שוות" און "אין פרצופיהן שוים",

ביז אויך אז דאס ווערט געטיילט אין צען סוגים כללים, פון "ראשיכם", ביז "שואב מימיך",

איז דאך פארשטאנדיק, אז דער עיקר איז גובר אויפן טפל, עאכו"כ על טפל דטפל,

וואס א נשמה ביי א מענטשן איז דאך פארשטאנדיק בפשטות אז דאס איז עיקר לגבי הגוף, עאכו"כ א נשמה וואס זי איז "חלק אלוקה ממעל ממש" – איז דאך **איר** נקודה גובר אלערליי ענינים אין וועלכע מ'איז מחולק סיי מצד הגוף סיי מצד הנשמה – איז דאך גובר אט דאס וואס יעדער נשמה און אלע נשמות זיינען "חלק אלוקה ממעל ממש" וואס דאס אונטערשטרייכט דאך דעם ענין פון אחדות ישראל, כאמור, בכל מקום ובכל זמן ובכל מצב שיהי'.

אעפ"כ, א נשמה איז דאך אראפגעקומען אין א גוף גשמי, און דאס איז געווארן אראפגעלאזט אין אן עוה"ז הגשמי שאין תחתון למטה ממנו, און מ'האט אנגעזאגט דער נשמה ,אז זי דארף באווייזן אלע עניני טוב וקדשה, אז דאס זאל ניט נאר זיין אויך בפועל,

עס קען אבער זיין חלקי הנשמה וואס דארט איז דאס ניט ניכר, עאכו"כ אין חלקי הגוף,

ביז וואנענט אז עס קען זיין נאכמערער, אז מצד דערויף וואס "אין דיעותיהן שוות" ו"אין פרצופיהן שוות", זאל דאס נאך ברייגען ניט נאר ניט דער ענין פון אחדות, נאר דער ענין פון היפך האחדות, דער ענין הפירוד.

וואס דערפאר איז דאך א "כלל גדול בתורה" דער ציווי פון "ואהבת לרעך כמוך", מיט דער הדגשה אז דאס דארף זיין "כמוך",

און ווי ער איז מבאר אין ירושלמי, ווי אזוי פארלאנגט מען דאס, און מ'איז זיכער אז א איד וועט דארס מקיים זיין בשלימות ולאמיתתו (ווי אלע מצוות), דאס איז דאך "רעך" און דאס איז דאך "כמוך",

איז דאס פארשטאנדיק פון דעם ביאור אין ירושלמי, וואס ער זאגט אז דאס איז בדוגמא פון דעם זעלבן גוף וואס ער האט כו"כ אברים,

וואס דער גוף איז באשאפן געווארן אין אן אופן אז ער האט א ריבוי אברים וגידים וכו', אעפ"כ געהערן זיי דאך צוזאמען צו דעם זעלבן גוף,



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת אחרי-קדושים

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ניט דאס איז **נאך** אן ענין, זיי זיינען באזונדער, און זיי האבן אויך א שייכות זל"ז –

נאר, ווי פארשטאנדיק פון דעם משל: אט דאס וואס יד ימין און יד שמאל זיינען באזונדער (וואס דאס איז אזוי ע"פ הטבע וע"פ הבריאה), איז דאס ניט תופס מקום, דער חילוק, לגבי דערויף וואס זיי זיינען ביידע א חלק פון דעם זעלבן גוף; דאס איז **גובר** דעם חילוק שביניהם.

ועד כדי כך איז דאס ניכר און פארשטאנדיק בשכל הפשוט, אז יעדער אבר, סיי יד ימין און סיי יד שמאל, וכל האברים כולם – איז דאך "הדם הוא הנפש": זיי ווערן באלעבט דורך דעם דם וואס געפינט זיך אין יעדער אבר, וואס ער איז דער **נפש** פון דעם אבר,

איז דער זעלבער דם, בשעת דער גוף איז א גוף בריא, איז ער מהלך בכל הגוף כולו, און אט דעמולט איז דאס א געזונטער גוף, ווען ס'איז ניט אפגעטיילט ח"ו, אז איין אבר מיטן דם שבתוכו פון די שאר האברים ודם שבתוכם – דאס איז א סימן אז דער גוף איז היפך פון ענין הבריאות והשלימות; א סימן אויף בריאות ושלימות איז, אז דער דם איז מהלך בכל הגוף כולו,

וואס דערפאר איז דאך דער תפקיד, כאמור, פון א נשמה, ניט באנוגענען זיך דערמיט אז באמת לאמיתתו איז דאס א "גוי אחד בארץ", ניט קוקנדיק וואס פאר א מעמד ומצב ומקום וכו',

ער דארף דאס ארויסברענגען בגלוי, און דאס דארף דורכנעמען יעדער חלק פון דער נשמה, אויף יעדער חלק פון דעם גוף, ואדרבא: דארטן אי דאס נאכמער נוגע, וויבאלד אז דארטן דארף מען באווארענען א פירוד א גרעסערן ווי א פירוד אין דער נשמה,

איז דארטן מער נוגע דער ענין אז עס זאל זיין דוקא בשלימותו.

וואס דערפאר איז, כאמור, איז "כלל גדול בתורה" דער ענין [אז] "ואהבת לרעך" זאל זיין דוקא "כמוך",

וכאמור, ווי תושבע"פ איז דאס מסביר: דערפאר וואס דער זעלבער גוף און דער זעלבער "דם הוא הנפש" אין מחי' כל החלקים, סיי דעם אידן סיי א צווייטן אידן סיי א דריטן אידן וכל בני ישראל ובנות ישראל,

און דאס זאל אויך דורכנעמען זיין מחשבה דיבור ומעשה,

וכהמשך פון דעם מאמר חכמינו ז"ל בזה: "ואידך", גאנץ תורה ומצוותי', איז "פירושה היא", דאס איז א פירוש ווי אזוי עס ווערט ארויסגעבראכט ומודגש, ובגלוי, דער ענין אז "רעך" איז דאס "כמוך", און אזוי זאגט תורת אמת.

וואס צוזאמען דערמיט איז זי א תרות חיים – א הוראה בחיים.



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.